# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות
מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

ראש השנה
שנת תשפ"ו
שנה ב'
גליון ל"ז

גליון מוגדל ומורחב
**מאמרי ראש השנה**
בלשה"ק

## "כ"ב אותיות התורה" (א)

### די סודות וואס זענען באהאלטן אין די כ"ב אותיות

א שפראך ברענגט ארויס די שכל פון א מענטש | **די שפראכן פון די אומות העולם איז באזירט אויף סימנים** | די כ"ב אותיות האבן אן אייגענע קדושה | **די אותיות התורה איז נישט בלויז סימנים נאר זיי זענען געטליכע אורות** | מיט די אותיות התורה איז די וועלט באשאפן געווארן | **די וועלט האלט זיך נאר דורך די אותיות התורה** | יעדע זאך אין די בריאה איז צוזאמגעשטעלט פון אלע כ"ב אותיות

### אריינפיר

אין די קומענדיגן גליונות וועלן מיר בעז"ה ארומרעדן איבער דער סוד פון די בריאה אז די גאנצע בריאה איז געגרינדעט אויף די 'אותיות התורה', און דערמיט וועלן מיר פארשטיין דאס וואס דער הייליגער בעש"ט האט גאר שטארק מעורר געווען איבער די עבודה פון זיך מדבק זיין אין די אותיות התורה והתפילה, און וואו ווייט יעדעסווארט וואס א מענטש רעדט ארויס מיט'ן מויל שאקלט וועלטן און קען טוישן זאכן לטוב ולמוטב, א ווארט קען בויען וועלטן און חרוב מאכן וועלטן, ווייל אלעס איז געבויעט אויף די הייליגע אותיות התורה מיט וואס דער אויבערשטער האט דאס באשאפן.

א

## דער כח פון א 'מדבר'

### וויאזוי לערנט מען זיך אויס צו רעדן א שפראך?

'שפראך' איז פון די וויכטיגע מתנות וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר זיינע בראים, וואס ערמעגליכט פאר מענטשן אז זיי זאלן זיך פארשטיין. דאס איז דער מיטל פון ארויסברענגען מיט ווערטער וואס מען וויל, וואס מען טראכט, וואס מען פילט, וואס מען פלאנירט און וואס מען האט געטון, און דאס איז א נוצבארע מעטאד צו ברענגען א קשר צווישן א מענטש מיט זיין חבר.

יעדער מענטש וואס ווערט געבוירן צווישן מענטשן, וואקסט אויף מיט א שפראך וואס ער האט געהערט און זיך אויסגעלערנט פון קינדוויז אן. קיינער קען מסתמא נישט אנצייגן אויפן טאג ווען ער האט זיך אויסגעלערנט אז א טיש הייסט 'טיש' און א בענקל הייסט 'בענקל', אז דער דאך הייסט 'דאך' און דער ערד הייסט 'ערד', דאס האט ער זיך אליין אויסגעלערנט, הערנדיג די ווערטער איינמאל און נאכאמאל, ביז דאס איז אויטאמאטיש אריין אין זיין שפראך.

יעדע פאלק האט אן אייגענע שפראך וואס זיי האבן אפגעמאכט צווישן זיך. אז אן אמעריקאנער וועט הערן א כינעזער רעדן, וועט זיך דאס הערן ווי מאדנע קלאנגען וואס האבן נישט קיין שום באדייט, און דאס זעלבע פארקערט. א שפראך איז נאר פארשטענדליך פאר די וואס קענען איר און זענען אויפגעוואקסן דערמיט, אדער האבן זיך עס געלערנט אין די ערוואקסענע יארן.

## פתיחה

מודים אנחנו לך ה' אלקינו, שרייט זיך אליין ארויס ווען מיר שטייען דא ביים אנפאנג פונעם צווייטן יאר פון ארויסגעבן דעם הערליכן גליון לאור עולם. וויפיל שבח והודיה זענען מיר שולדיג פאר'ן רבש"ע פאר די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס מיר האבן געזען אויף טריט און שריט! אז מ'טראכט צוריק לאזט זיך נישט גלייבן די גרויסע חסדים פונעם אויבערשטן אז ער האט אונז געגעבן די געוואלדיגע זכיה ארויסגעבן אזא שיינער גליון פאר א גאנצע יאר צייט, להרוות נפשות הצמאות לשמוע את דבר ה'.

ובפרט זענען מיר מחויב צו דאנקען דעם רבש"ע אז ער האט אונז מזכה געווען צו פארשפרייטן על פני תבל די געוואלדיגע אור פון ספרי החסידות לויט דעם אייגנארטיגן מהלך פונעם רבי'ן זי"ע, וואס טוט מבאר זיין וויכטיגע מושגים אין די תכלית פון אונזער לעבן אויף קליין געלט אז ס'זאל זיין פארשטענדליך פאר יעדעם איינעם און שיינט א אור אויף דער מהות פון אונזער עבודה און טוט אביסל לייכטער מאכן דעם הסתר פנים פון דעם דור פון עקבתא דמשיחא.

פון ווען דער גליון האט אנגעהויבן ארויסקומען האט נישט געדויערט לאנג פאר די חברי מכון צו הערן מורא'דיגע הערליכע גריסן וואס זענען נאר געוואקסן מדי שבוע בשבוע, און ממש יעדן איינציגסטן טאג באקומען מיר נאך גריסן פון מענטשן פון איבער דער גארער וועלט, בחורים און אינגעלייט, בעלי בתים און יושבי אהל וואס

המשך בעמ' הבא

**פרנס הגליון**
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה

זענען מעיד אז דאס האט זיי געגעבן א נייע בליק אויף אזויפיל ענינים אין אידישקייט, און האט פאר זיי קלאר מאכן אזויפיל זאכן וואס זענען נוגע צו זייער עבודת ה' וואס האט אריינגעברענגט א נייע חיות אין זייער לעבן און האט זיי נענטער געברענגט צו זייער טאטן אין הימל, אויף אזוי ווייט, אז עס האט זיך געשאפן פיל קבוצות פון בחורים און אינגעלייט וואס קענען קובע וועכנטליכע חבורות אין דעם גליון און אסאך מגידי שיעור און משפיעים לערנען דאס פאר פאר זייערע תלמידים ומקשיבים. דאס איז בלי שום ספק מעורר א נחת רוח פאר'ן בורא כל עולמים, און מיר זענען מיט דעם מקיים משאת נפשו הטהורה פונעם רבי'ן אלע יארן נענטער צו ברענגן אידן צום הייליגן באשעפער, זיי קלאר מאכן דעם וועג אנצוקומען צו קרבת אלוקים, און זיי ווייזן די זיסקייט און נעימות פון עבודת השי"ת און פון לעבן ווי א איד.

לכבוד די ימי הרחמים והרצון, דער הייליגער חודש תשרי דתקיפי במצות לייגן מיר צו הערליכע מאמרים און שיעורים וואס זענען נוגע צו אונזער עבודה אין די טעג געשריבן אויף לשון הקודש, וכמעשינו ב'אידיש' כך מעשינו בלשון הקודש, געשריבן אויף א גרינגע און לייכטע פארמאט, אז עס זאל זיין שווה לכל נפש פאר יונג און אלט צוגלייך, און מיר בעטן דעם רבש"ע אויף ווייטער אז מיר זאלן קענען גיין מחיל אל חיל צו באלייכטן אידישע הערצער מיט'ן ליכטיגקייט פון די הייליגע חסידישע ספרים, ובעל שם טוב הק' ותלמידיו.

מיר ווינטשן פאר אלע אונזערע ליינער א ברכת כתיבה וחתימה טובה, און א שנת גאולה וישועה פאר גאנץ כלל ישראל, במהרה בימינו אמן.

**מכון שפה ברורה**

## א שפראך איז נאר געמאכט צו פארשטיין וואס מען וויל

ביים דור הפלגה האט דער אויבערשטער געמאכט א צעמישעניש פון שפראכן, ווי עס שטייט אין פסוק (נח יא ז) אז דער אויבערשטער האט געזאגט 'הבה נרדה ונבלה שם שפתם אשר לא ישמעו איש את שפת רעהו' דאס מיינט אז איינער האט נישט פארשטאנען דעם צווייטנ'ס שפראך. עס איז לייכט זיך פארצושטעלן די ביטערע אומגליק ביים 'דור הפלגה' ווען עס האט אויסגעבראכן א צומישעניש און קיינער האט נישט פארשטאנען דעם צווייטנ'ס שפראך; ווען איינער האט געבעטן פון זיין חבר א שטיקל האלץ האט ער געכאפט א האמער אויפן קאפ...

און פון דארט און ווייטער האט יעדע פאלק אין זיין לאנד אנגעהויבן אויסצולערנען זיין אייגענע שפראך פאר זיינע בירגער, ביז דאס איז געווארן 'דער שפראך' פון דעם פאלק (עיין בתרגום יונתן בן עוזיאל שם). אבער ווי פארשטייט זיך מוז זיין א קלארע באשלוס צווישן אלע מענטשן וואס יעדע ווארט באדייט, ווייל אויב נישט איז דאך נישטא קיין שפראך. אזוי אויך קען יעדע פאלק פארגרעסערן זיין שפראך און פאבריצירן נייע ווערטער וואס די בירגער לייגן צו צו זייער ווערטער בוך און עס ווערט א חלק פונעם שפראך.

עס איז נישט קיין חידוש אז מען קען כסדר צולייגן נייע ווערטער צו א שפראך, וויבאלד דער עיקר ציל פון א שפראך איז זיך צו פארשטיין און ארויסהאבן וואס יענער וויל זאגן, און אין די סעקונדע וואס מען פארשטייט זיך איז דאס א שפראך. ווייל ווי געשמועסט, איז א שפראך עפעס וואס איז א דבר המוסכם, וואס די פעלקער מאכן אפ צווישן זיך, אז דער ווארט זאל מיינען דאס, און יענער ווארט זאל מיינען עפעס אנדערש, אא"וו.

ב

# די חשיבות פון דעם מדבר

## וואס איז דער חשיבות פונעם מענטש אז ער איז א 'מדבר'?

אין די תורה הק' שטייט (בראשית ב ז) שטייט ביים באשאף פונעם מענטש אז זיין מעלה איז געווען 'וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים' אז דער אויבערשטער האט אין אים אריינגעבלאזן א נשמה, א חלק אלוק ממעל, וואס מיט דעם איז ער מער ווי אלע אנדערע באשעפענישן. דער תרגום דארט אויפן פלאץ טייטשט די ווערט 'ויפח באפיו נשמת חיים' - 'וַהֲוָת בְּאָדָם לְרוּחַ מְמַלְּלָא'. דער תרגום זאגט אונז דא אז די מעלה פון א מענטש איבער אלע אנדערע בורואים און בעלי חיים איז **דער מציאות אז ער איז א "מְדַבֵּר"** - ער רעדט! ער זאגט ארויס ווערטער מיט'ן מויל! דאס איז די געוואלדיגע מעלה מיט וואס ער שטייגט איבער אלע אנדערע באשעפענישן אויף די וועלט.

ווי אויך זעען מיר אז אויפן פסוק (קהלת ג, יט) וואס מען זאגט יעדן צופרי ביי שחרית: "וּמוֹתַר הָאָדָם מִן הַבְּהֵמָה אָיִן", זאגן חז"ל (תנחומא אמור טו) קלאר '**ומותר אדם מן הבהמה אין, מהו אין, שהוא מדבר, והיא אינה מדברת**'. זעען מיר דא קלאר נאכאמאל אז די עיקר מעלה פון א מענטש איז דאס אז ער קען רעדן.

אבער לאמיר פארשטיין, וואס איז די גרויסע חשיבות פון דעם מדבר?! דאס אז ער קען רעדן איז דען עפעס אזא גרויסע זאך אז דאס זאל אים ממש געבן דעם חשיבות פון א 'מענטש'?

דער ענטפער דערויף איז אז עס איז נישט בלויז דער דיבור פונעם מענטש וואס גיבט אים א חשיבות, נאר אונטער דעם מענטשליכן שפראך ליגט א פארשטאנד, און דער שפראך איז א מיטל כדי ארויסצוברענגען די אינערליכע מחשבות און געפילן. מיר וועלן דאס אביסל אויסברייטערן, כדי מען זאל דערמיט פארשטיין דער גאר יסודות'דיגע חילוק פון יעדע אנדערע שפראך מיט דעם הייליגן שפראך לשון הקודש פון די תורה הקדושה.

## יעדע שפראך האט אותיות - סימנים וויאזוי צו זאגן די ווערטער

יעדע שפראך האט א ספעציעלע וועג וויאזוי מען שרייבט זיינע ווערטער. למשל ענגליש האט ABC, דאס זענען ווי סימנים צו קענען אפשרייבן און ליינען דעם שפראך, און אזוי אויך האט יעדע אנדערע שפראך זיינע סארט בוכשטאבן וואס זענען געאייגנט צו קענען ליינען דעם שפראך. אבער די סימנים זענען נישט מער ווי אנדייטונגען אויף די ספעציפישע קלאנגען פון דעם שפראך.

**יעדע פאלק האט אן אייגענע שפראך וואס זיי האבן אפגעמאכט צווישן זיך. אז אן אמעריקאנער וועט הערן א כינעזער רעדן, וועט זיך דאס הערן ווי מאדנע קלאנגען וואס האבן נישט קיין שום באדייט, און דאס זעלבע פארקערט**



> **בלויז דאס עצם זאגן די הייליגע ווערטער פון די הייליגע תורה, ברענגט שוין א גייסט פון קדושה אויפן מענטש, ווייל די אותיות און די ווערטער זענען נישט סתם סימנים, נאר יעדעס ווארט און יעדע אות האט אין זיך באהאלטן א רוחניות'דיגע הייליגקייט**

ווייל דער עיקר ציל פון די בוכשטאבן איז אז מען זאל עס קענען צוזאמשטעלן אין באדייטפולע ווערטער און זאצן אזוי אז עס זאל קלאר ווערן וואס מען וויל ארויסברענגען.

און דער אמת איז, אז מען קען רעדן א שפראך אפילו אן פארשטיין די בוכשטאבן, ווייל ווי געזאגט, זענען זיי בלויז 'סימנים'. עס איז נישט קיין סוד אז איבער די וועלט זענען דא מיליאנען אנאלפעבעטן וואס הייבן נישט אן צו קענען שרייבן און ליינען, און מיט דעם אלעם קענען זיי געהעריג רעדן צווישן זיך, און אנגיין מיט א נארמאלע לעבן. געוויסע פירן אפילו אן גרויסע ביזנעסער און שארן איין מיליאנען ווען קיינער ווייסט ניטאמאל אז דער סעקרעטאר איז דער וואס ליינט און שרייבט אלע וויכטיגע דאקומענטן ווייל דער בעה"ב קען נאר שרייבן 'נח מיט זיבן גרייזן'...

דאס ווייזט אז כאטש די שפראך איז באזירט אויף די סימנים פון די בוכשטאבן, איז דאס נישט מער ווי א מיטל צוצוקומען צום ציל, וואס דאס איז די פארשטאנד וואס ליגט אונטער דעם שפראך. די בוכשטאבן אליין האבן גארנישט צוטון מיט'ן שפראך אליין, נאר דאס איז א וועג צו קענען ארויסברענגען שריפטליך דעם שפראך, לויט די כללים פון דעם שפראך. דער עיקר מעלה פון שפראך איז עס קען ארויסברענגען די שכל און פארשטאנד פונעם מענטש, און דאס איז די באזונדערע חשיבות פון א מענטש אלס א 'מדבר'.

ג

# די קדושה פון די אותיות התורה

## די שפראך פון די תורה איז נישט נאר געמאכט צו פארשטיין

אלעס וואס מיר שמועסן ביז אהער איז געזאגט געווארן ביי די שפראכן פון די אומות העולם. אנדערש איז אבער ווען עס קומט - להבדיל אלף הבדלות - צו די הייליגע שפראך פון לשון הקודש, וואס דאס איז די אמת'ע שפראך וואס די וועלט איז דערמיט באשאפן געווארן (ברכות נה.; ילקו"ש בראשית א' א', ועוד רבות). די הייליגע כ"ב אותיות וואס ווערן גענוצט צו שרייבן לשון הקודש, זענען נישט בלויז סימנים וואס מען האט אפגעמאכט צווישן מענטשן וואס זיי באדייטן, נאר זיי האבן א געוואלדיגע העכערע קדושה אין זיך, וואס מיר האבן נישט קיין השגה דערין.

דער הייליגער רמ"ק - רבינו משה קורדובירו זצוק"ל - פון די גדולי המקובלים אין די צייטן פונעם הייליגן אר"י ז"ל זאגט (פרדס רימונים שער כ"ז), אז אסאך מענטשן לערנען פאלש אפ די קדושה פון די כ"ב אותיות, און זיי מיינען אז די אותיות התורה איז נישט מער ווי סימנים, דאס הייסט אז די סימן פאר אן אות וואס מען זאגט מיט א פארמאכטע ליפן איז **מ**', און אן אות וואס מען דרוקט שטארק מיט די ליפן איז **פּ**', און וואס מען דרוקט אביסל שוואכער איז **בּ**', און וואס נאך שוואכער איז **ו**', אא"וו אלע אנדערע אותיות. לויט דעם פאלשן צוגאנג, קומט אויס חס ושלום אז די הייליגע כ"ב אותיות זענען להבדיל אזוי ווי אלע אנדערע סימנים וואס די גוים האבן געמאכט יעדער איינער פאר זיין שפראך, וואס איז אויך נאר געאייגענט פאר א סימן ארויסצוברענגען די אויסדרוק פונעם ווארט.

און לויט דעם פאלשן צוגאנג - זאגט ווייטער דער הייליגער רמ"ק - קומט לכאורה אויס אז אין די אותיות איז חלילה נישטא קיין ספעציעלע משמעות, ווייל דאס קומט נאר 'דערציילן' וואס דא שטייט, און איינער וואס האט שוין אויפגעכאפט דעם געדאנק האט שוין נישט קיין שום תועלת פון אריינקוקן פון אינעווייניג צו זען וואס איז געשריבן געווארן, און די זעלבע זאך פארקערט, איינער וואס קען ליינען די ווערטער אבער ער כאפט נישט דעם געדאנק, וועט גארנישט פארדינען פון 'זאגן' די ווערטער אליין, ווייל דער עיקר פעלט אים.

## זאגן די ווערטער פון די תורה ברענגט א קדושה

דאס קען דאך זיכער נישט זיין, פירט דער הייליגער רמ"ק אויס, אז אין דער תורה זאל טאקע דער עיקר זיין נאר די געדאנק וואס דארט שטייט און נישט די ווערטער און די אותיות. והא ראיה, חז"ל זאגן דאך (ברכות ט) אז א מענטש דארף לערנען יעדע פרשה 'שנים מקרא ואחד תרגום', און די גמרא לייגט צו אז אפילו "עטרות ודיבון" [דאס איז א פסוק אין פרשת מטות, נעמען פון שטעט וואס שבט ראובן און גד האבן געוואלט איבערנעמען אין עבר הירדן פאר זייער נחלה] דארף מען אויך זאגן צוויי מאל דער פסוק און איינמאל דער תרגום, כאטש וואס אפילו דער תרגום זאגט נאר איבער די נעמען פון די שטעט, אבער מיט דעם אלעם דארף מען דאס ארויסזאגן מיט'ן מויל!

אלא מאי, איז זיכער בלי שום ספק אז די תורה הקדושה פונעם אויבערשטן איז "משיבת נפש" דאס האט א ספעציעלער כח צו דערהייבן דעם נפש, און **בלויז דאס עצם זאגן די הייליגע ווערטער אזויווי דאס שטייט געשריבן אין די הייליגע תורה**, ברענגט שוין א גייסט פון קדושה אויפן מענטש וואס זאגט דאס, ווייל די אותיות און די ווערטער זענען נישט סתם סימנים, נאר יעדעס ווארט און יעדע אות האט אין זיך באהאלטן א רוחניות'דיגע הייליגקייט, און דאס איז די ספעציעלע חשיבות פון די שפראך פון די תורה אנדערש ווי אלע אנדערע שפראכן. (ע"ע בדברי הרבינו בחיי בספרו 'כד הקמח' אות תי"ו - תורה, ובשל"ה הק' מסכת שבועות, תורה אור, אות קעז)

## יעדע פסוק אין דער תורה האט אן אייניגע חשיבות

דער הייליגער רמב"ם איז אויך מגלה דעם טיפן דערהער וואס דאס מיינט די קדושה פון די אותיות התורה. אין 'פירוש המשניות' (סנהדרין פ"י היסוד השמיני) שרייבט ער אז די תורה האט א מורא'דיגע קדושה וואו יעדע איינציגע ווארט איז די זעלבע הייליג און וויכטיג פאר די שלימות פון די תורה, אזויווי עס שטייט אין פסוק "תורת ה' תמימה" - די תורה איז גאנץ, דאס הייסט אפילו אויב עס וועט פעלן נאר איין ווארט אדער איין אות איז עס שוין נישט גאנץ און עס פעלט די קדושת התורה.

ממילא - פירט אויס דער הייליגער רמב"ם - איז **קיין שום נפקא מינה נישט צו א מענטש לערנט דעם פסוק "ובני חם כוש ומצרים פוט וכנען" צו ער לערנט דעם פסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"**, ביידע זענען די זעלבע הייליג און וויכטיג פאר די שלימות התורה, און די תורה וועט זיין פסול אפילו אויב עס וועט נאר פעלן איין אות פון דעם ווארט "כדרלעומר"... ווייל אלעס איז איין שטיק קדושה!

און אזוי שטייט אויך אין תנא דבי אליהו (זוטא פ"ב) אז אויב א מענטש קען נישט קיין שום פסוק און קיין שום משנה נאר די איינע פסוק (פרשת וישלח) "וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע", און דאס וועט ער האלטן אין איין זאגן א גאנצן טאג, וועט ער

הננו בזה לברך ברכת **מזלא טבא וגדיא יאה** מעומק הלב פנימה
לכבוד ידידינו הנכבד שדבוק בכל נימי נפשו באור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל ומסור במסירת נאמנה בלב ונפש להו"ל לאור עולם ולהפיצם על פני תבל
הרב **מאיר מנחם כהן רפאפורט** ני"ו
**הוא הגבר שלולי מסירותו הנפלאה והנשגבה לא היינו מגיעים עד הלום, וכל הצלחתנו נזקפת לזכותו**
לרגל השמחה השרויה במעונו
**בהולדת בנו למז"ט**
יהי רצון שיזכה לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח שיחי' ויזכה להמשיך בעבודתו בקודש לאורך ימים ושנים מתוך בריאות גופא ונהורא מעליא, שמחה הרחבת הדעת, עושר ואושר, וכל טוב וטוב
המברכים מעומק הלב פנימה,
**מכון שפ"ה ברורה**

באקומען שכר פאר'ן לערנען תורה!

דער מדרש זאגט דא א מורא'דיג טיפע געדאנק: יא! יעדעס ווארט פון די תורה האט אן אייניגע חשיבות! די הייליגע ווערטער "ואחות לוטן תמנע" האט די זעלבע קדושה ווי די גאנצע תורה, ווייל דער אויבערשטער האט דאס אריינגעשריבן אין די תורה הקדושה! דאס זענען דאך הייליגע אותיות, הייליגע ווערטער וואס אן דעם איז די תורה נישט גאנץ!

דאס ברענגט אונז ארויס די מורא'דיגע משמעות פון די הייליגע כ"ב אותיות התורה. דאס זענען בכלל נישט קיין סימנים, החלטות אדער הסכמות פון א מענטשליכן שכל וואס האט באשלאסן אז דאס מיינט דאס און דאס מיינט יענץ, נאר דאס איז א מורא'דיגע קדושה וואס איז אראפגעקומען פון הימל, און יעדע אות האט א הייליגקייט און א טייערקייט.

## ד

# בריאת העולם מיט די דיבורים פון השי"ת

## מיט די אותיות התורה האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט

פון וואו נעמט זיך טאקע די ספעציעלע קדושה פאר די אותיות פון די תורה הקדושה? דערציילן אונז די הייליגע חז"ל (בראשית רבה א, א) אז מיט די אותיות התורה האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט. און דער מדרש זאגט א משל, אזויווי א בעל הבית וואס וויל זיך בויען א הויז זיצט ער א תקופה פארדעם און ער פלאנירט אויס גענוי וואו און וויאזוי צו בויען א פראכטפולע שטוב וואס זאל זיין א יופי און א הדר, כביכול אזוי האט דער אויבערשטער געקוקט אויף די כ"ב אותיות התורה, און מיט דעם האט ער אויספלאנירט פונקטליך גענוי וויאזוי צו בויען א וועלט.

דאס איז זייער א טיפע באגריף, ווייל מיר דארפן פארשטיין אז די אותיות הקדושות איז בעצם אויך א זאך וואס דער אויבערשטער האט געמאכט פון זיין לעכטיגקייט, נאר ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרי קבלה אז דאס איז ווי א משל צו א פאכמאן וואס בויעט זיך קודם אליינס כלי מלאכה מיט וואס ער זאל קענען טון זיין ארבעט, אזוי האט כביכול דער אויבערשטער קודם אויסגעשטעלט אותיות וואס ער האט גענומען פון זיין אור אין סוף און זיי באשטימט פאר כלי מלאכה מיט וואס ער וועט באשאפן א וועלט.

אזוי שטייט אויך אין זוהר הקדוש (ח"א רד.) אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט האבן זיך די צוויי און צוואנציג אותיות פון די תורה געשטעלט פאר אים און מיט זיי אלע האט ער באשאפן די וועלט. מיט דעם איז דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע (אור תורה, בראשית אות ג) מסביר דעם ערשטן פסוק אין די תורה "בראשית ברא אלקים את" - דאס ווארט "את" ווייזט אויף די אותיות פון א' ביז ת', אז די ערשטע זאך האט דער אויבערשטער מאציל געווען פון זיין לעכטיגקייט די אותיות פון א' ביז ת', און נאכדעם האט ער מיט זיי באשאפן די גאנצע בריאה.

## די גאנצע וועלט שטייט ביז היינט אויף די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא

לויט ווי מיר האבן אראפגעברענגט פון די ספרים הקדושים, קומט אויס אז עס איז נישטא קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס איז נישט געגרינדעט אויף די אותיות התורה, און יעדע זאך וואס געפונט זיך אויף דער וועלט שטייט נאר אויף אט די אותיות.

דאס איז דער פשט אינעם פסוק "לעולם ה' דברך נצב בשמים", ווי דער בעל התניא (שער היחוד והאמונה פ"א) ברענגט פונעם בעש"ט הק' אז דאס מיינט אז די הימל שטייט ביז היינט צוטאגס אויפן דיבור פונעם אויבערשטן וואס ער האט געזאגט ביי ששת ימי בראשית "יהי רקיע". די אותיות זענען דעמאלטס אריין אין די בריאה וואס מיר רופן 'הימל', און דאס איז זייער חיות און עקזיסטענץ אויף לעולם! אויב די אותיות זאלן ח"ו נעלם ווערן פאר איין רגע, ווערט די הימל אויס, פונקט ווי פאר דער אויבערשטער האט געזאגט יהי רקיע, ווייל נאר דער דיבור און די אותיות האלט זיי ביז היינט. (ע"ע ב'קדושת לוי' בשלח ד"ה או יבואר אז ישיר משה)

און אזוי איז מיט אלע ברואים אין אלע עולמות אויבן, און אפילו דא אונטן אין די גשמיות'דיגע וועלט וואס איז א שטיק 'דומם', שטייט אלעס אויף די אותיות פון די "עשרה מאמרות" מיט וועלכע דער אויבערשטער האט זיי באשאפן ביי ששת ימי בראשית. יעדער איינציגער נברא עקזיסטירט בלויז צוליב זיין מאמר און דיבור וואס דער אויבערשטער האט געזאגט ווען ער האט אים באשאפן - דאס איז זיין חיות און זיין קיום דורכאויס אלע יארן וואס די וועלט שטייט.

## יעדע דבר גשמי ורוחני איז צוזאמגעשטעלט פון אלע כ"ב אותיות

דאס גייט אזוי ווייט, אז דער הייליגער אר"י הק' (ליקוטי תורה איוב י"ט) שרייבט אז עס איז נישט דא קיין שום גוף, נפש, און רוח וואס איז נישט באשאפן געווארן מיט די כ"ב אותיות התורה, און יעדעס איינס פון זיי, דאס הייסט **יעדע גוף, יעדע נפש, און יעדע רוח האט אין זיך אלע צוויי און צוואנציג אותיות אליין!** (וע"ע בספה"ק תולדות יעקב יוסף, בראשית ד"ה יתבונן המשכיל)

דאס איז שוין גענוג צו באקומען א שטיקל השגה אז ווען מיר רעדן פון די כ"ב אותיות התורה רעדן מיר בכלל נישט פון 'סימנים' אויף 'נאך א שפראך'... דאס האנדלט זיך מיט קדשי קדשים; דאס זענען די הייליגע געצייג, כביכול, וואס דער אויבערשטער האט גענוצט צו באשאפן די וועלט.

אויב אזוי קענען מיר שוין אנהייבן צו פארשטיין דעם געוואלדיגן חילוק צווישן די הייליגע כ"ב אותיות, און להבדיל די בוכשטאבן וואס זענען באזירט אויף די הסכמה פון די פעלקער. ווייל די כ"ב אותיות זענען געשאנקען געווארן אלס א מתנה נאר פאר דעם אידישן פאלק, און ווען א איד דאווענט אדער לערנט, באנוצט ער זיך מיט די אותיות וואס אויף זיי שטייט די גאנצע בריאה, און ממילא האט ער אן אויסטערלישע כח צו שאקלען מיט דער וועלט דורך זיינע הייליגע דיבורים, ווי מיר וועלן בעז"ה ווייטער אויסשמועסן אינעם קומענדיגן גליון.

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **די מעלה פונעם מענטש איז אז ער איז א מדבר, דאס מיינט אז ער האט דעם פארשטאנד צו רעדן מיט א שפראך.**
- ביים דור הפלגה איז געווארן א צעמישעניש פון שפראכן, און דעמאלטס האט יעדע פאלק אפגעמאכט זייער אייגענע שפראך.
- **די בוכשטאבן וואס די פעלקער נוצן צו שרייבן און ליינען, איז נישט מער ווי סימנים ארויסצוברענגען דעם שכל פונעם מענטש אויף פאפיר.**
- די אותיות התורה זענען נישט סתם ווי סימנים ארויסצוברענגען דעם שכל, נאר זיי פארמאגן אן אייגענע קדושה עצמיות.
- **די הייליגע כ"ב אותיות פון לשון הקודש, האט דער אויבערשטער גענוצט צו באשאפן די וועלט.**
- יעדע דבר גשמי און דבר רוחני איז באשאפן געווארן דורך א דיבור פון דעם אויבערשטן, ווען ער האט כביכול גענוצט די כ"ב אותיות עס אריינצוברענגען אין עקזיסטענץ.
- **די עקזיסטענץ פון יעדע זאך איז יעדע רגע אנגעוואנדן אין די הייליגע כ"ב אותיות פון דעם דיבור של הקדוש ברוך הוא ביי בריאת העולם.**

**יעדע גוף, יעדע נפש, און יעדע רוח האט אין זיך אלע צוויי און צוואנציג אותיות התורה**

**פטרון המאמרים**

נתנדב לע"נ
רבינו **שרגא פייביש**
בן רבי **אברהם יהושע**
**העשיל** זצוק"ל
ולזכות **אהרן** בן **צפורה**

# מאמרי ראש השנה

מאמר א'

## אהבת השי"ת המתגלית בכח התשובה

### בנים אתם לה' אלוקיכם - אהבה שאינה תלויה בדבר

עומדים אנו עתה בימי הרחמים והרצון שבימים אלו כל אשר בן ישראל יכונה מתקרב אל בוראו בתשובה שלימה, כשהוא מתחרט על מעשיו שגרם צער כביכול לאביו שבשמים, ומתחיל להתעורר לשוב אל חיק יוצרו ולשוב אל צור מחצבתו, מקור שורשו תחת כסא הכבוד. ולעומתו חש כל אחד בחזרה הקירבה העוטפת אותו בימים אלו מחמת התעוררת אהבתו ית' אליו, וכלשון הרמב"ם (הל' תשובה פ"ז ה"ו) על בעל תשובה 'אמש היה זה שנוי לפני המקום משוקץ ומרוחק ותועבה והיום הוא אהוב ונחמד קרוב וידיד'.

והנה, תשובה היא אחת ממתנת הבורא שנתן לנו עם קרובו, וכמו שלמדנו בחז"ל (תנחומא האזינו ד) שאצל אומות העולם לא מהני תשובה, וביאור הענין, דהנה נתאר לעצמינו שר חשוב שהיה בידידות רבה עם המלך, אבל בהמשך הזמן עשה יד אחת עם שונאו המושבע של המלך ועל ידי מעשיו הצליח השונא לכבוש חלק מהמלכות, ועוד נכנס אל תוך היכל המלך והרס שם חורבן. האם שייך לומר שככל שהוא רואה את מה שמעשיו גרמו ויש בלבו חרטה על מעשיו, יתקרב להמלך כמקדם, בודאי שלא! החורבן כבר נעשה ואין להשיב.

אבל נבה ונתבונן, אם זה שעשה המעשה ועשה יד אחת עם שונא המלך היה בנו של המלך אז מובן ששייך לו לשוב אל חיק המלך ולהחזיר אהבתו כמקדם כל עוד שהוא באמת מתחרט על מעשיו (עי' בזוה"ק נשא קכג.; ועיין באריכות ב'בני יששכר' מאמרי סיון מאמר ב' אות ז', מאמרי שבתות מאמר ו' אות ט, ועוד רבות), ועי"ד שביארנוה בספה"ק (בני יששכר שם, ועוד) שרק מכח זה שכלל ישראל המה בנים למקום מהני עבורם תשובה מכח 'אב שמחל על כבודו כבודו מחל' (קידושין לב:) משא"כ אומות העולם שהקב"ה הוא מלכם, אין שייך לשוב ש'מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול' (שם ע"ב).

וזה עומק הענין שמצינו רבות בספה"ק שימים אלו המה ימי קירבה גדולה שאנו מתקרבים מאד להקב"ה, וכמו שאמרו דורשי רשומות (אבודרהם סדר תפלות ר"ה עמ' ר"ס, והובא בב"ח ריש סי' תקפ"א), כי ימים אלו הם בבחי' 'אני לדודי ודודי לי' (שה"ש ו, ג). בחינת התקרבות זו נובע מהיותנו מגלים בזה שאנו שבים אל השי"ת שאנחנו בנים למקום כמו שאמר הכתוב (דברים יד א) 'בנים אתם לה' אלוקיכם', ועוד יותר נאמר ע"י הנביא (ירמיה לא כ) שכל אחד מישראל הוא 'בן יקיר' ו'ילד שעשעים' להבורא כל עולמים, וקרבת הבן לאביו היא גדולה מכל הקריבות שבעולם, כי לב הבן קשור לגמרי עם אביו, והוא נאמן מאד לאביו, והאב נאמן לבנו עד שאינו מסיח דעת מבנו ומכל צרכיו כנראה בחוש ו'מבשרי אחזה אלוק'.

ואכן את בחינת ההתקרבות הזאת צריכים בני ישראל לעורר בימים אלו, המתחילים מראש חודש אלול ונמשכים עד יום הכפורים, שאז זוכים למדרגה הכי גבוהה של התקרבות עם הבורא כל עולמים אביהם שבשמים, כמבואר בספה"ק עפ"י דברי הזוה"ק (אמור ק:) שיום הכפורים הוא מדת הבינה, ובחינת ה'בינה' היא בחינה של 'אם הרובצת על בניה' (תיקו"ז תיקון כ"א נח:), והוא צירוף אותיות ב"ן י"ה (זוה"ק נשא שם), אשר מורה על התקשרות הבן לאביו ולאמו בקשר אמיץ וחזק, באהבה וחיבה עצמית ללא שום פירוד ומונע, וזהו עבודתנו בימים אלו, להתקשר בקשר בל ינתק ובדביקות לא חוצץ של אהבה וחיבה לאבינו שבשמים.

וממילא יש לעיין על המבוא בזוה"ק (זו"ח כי תצא) שהזמן של מ' ימים מר"ח אלול עד יוהכ"פ הוא כנגד המ' יום שלאחר חטא העגל שאז הרבה משה להתחנן לפני המקום למחול לבני ישראל על החטא הגדול, חטא העגל, וזה לשון הזוה"ק, 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, דא היא ירחא דאלול, דביה סליק משה לטורא, למבעי רחמין קמי קודשא בריך הוא, בגין דישתביק לישראל על חובא דעגלא. ובגין דא ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, בגין דגלי עריית דקודשא בריך הוא ועריית דאורייתא. כמא דאת אמר, (ויקרא יח ז) ערות אביך וערות אמך לא תגלה. ועל דא אמר, (תהלים קיט קלו) פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך. והוו ישראל רחיקין ממלכא כל ההוא זמנא, עד יומא דכפורי, דנחית משה מן טורא[א].

והנה לכאורה כפי המבואר שם בזוהר, היו בני ישראל מרוחקים כל מ' ימים אלו מהבורא כל עולמים, ולא היו ימים אלו ימים מאירים ושמחים לבני ישראל, וא"כ אמאי משווה הזוהר מצב ישראל אז לעבודתנו בימים אלו, שכפי שאמרנו דייקא בימים מתגלה אהבת הבורא יתי' אלינו ואנו מתקרבים למקור שורשינו אבינו שבשמים. והגם שעפ"י פשטות הענין הוא שאז עסקו ישראל בתשובה וכן מוטל עלינו בימים אלו, אבל עכ"ז יש להתבונן בזה יותר ולהוציא ממנו מרגניתא טובא לעבודתינו.

### עליות וירידות בעבודת ה' - דרך החיים של כל אדם

והנה על מנת לבאר השייכות שיש לימים אלו דווקא עם התקרבות לרבש"ע כבן לפני המקום, יש להעמיק בפרט חשוב מאד בעבודת האדם משך ימי חייו. דהנה כל אדם עובר בחייו תקופות שונות, יש תקופות בהן האדם מרגיש הרגשה מאירה בעבודתו, ויש לו רצון עז ללמוד ולהתפלל, וזוכה לטעום נועם ה' בעת עשיית המצות, ועובד את בוראו עם הרחבת הדעת ובגדלות המוחין.

אבל כמו"כ יש לכל אחד גם תקופות של ירידות בעבודתו, ובהם ראשו בל עמו, ולבו אינו מרגיש הרגשת האור כי טוב בקיום המצות, וכן אינו לומד בכוונה ובהתמדה, ואין לו החשק לעשות את מה שמוטל עליו לעשות, ובקיצור: הוא נמצא במצב של 'קטנות המוחין'. וכן הוא דרכו של עולם, ועובר על כל אחד ואחד מאתנו.

והנה אם נשאל כל אחד באיזה מן הזמנים הללו אתה קרוב יותר להקב"ה? אין ספק שיענה, שבודאי כאשר הוא במצב מרומם, יושב ולומד בהתמדה, וראשי ולבו הולכים בתלם יחד עמו ומסוגל להתרכז בעבודת ה', אז הוא קרוב יותר אל בוראו. לכל אחד מאתנו הוא כדבר פשוט, שבזמנים של ירידה אנו רחוקים יותר מהקב"ה, ובזמנים של גדלות אנחנו קרובים יותר.

והן אמת נכון הדבר שכלפי מדריגת האדם וכלפי הנחת רוח שהוא מעורר למעלה, בודאי האדם העושה רצון בוראו מתוך דביקות, חשק ושמחה, לומד ומתפלל ועושה את המוטל עליו, הרי הוא מעורר נחת רוח למעלה אשר א"א לנו לשער ולתאר כלל וכלל. אך עכ"ז **קירבת השי"ת אין לה שום שייכות ושום קשר למצב רוחו ועבודתו**, ואדרבה ההיפך הוא הנכון, וכמו שנבאר.

### אהבת אב לבנו - קשר בלי תנאים

המשנה (אבות פ"ה מי"ט) מלמדת אותנו שישנה שני סוגים של אהבה, יש 'אהבה התלויה בדבר' ויש 'אהבה שאינה תלויה בדבר', והחילוק ביניהם הוא שאהבה שהיא תלויה בדבר מסויים יכולה בקלות להתבטל, כי ברגע שהדבר שעליו האהבה תלויה נגמר, הרי נגוזה כל האהבה כולה, כי אם נפל היסוד נפל הבנין. לעומת זאת, אהבה שאינה תלויה בדבר מסויים לא תיפסק לעולם, שהרי מלכתחילה אין שום סיבה שעליה מבוססת האהבה, ולכן גם אין דבר שיכול לשבור אותה.

ניקח לדוגמה בעל הבית שיש לו עובד העובד אותו במסירות ובנאמנות, ועל ידו התחיל לראות הצלחה רבה בעסקיו, בודאי מרגיש בעל הבית אהבה עצומה כלפי אותו עובד, ויתן לו משכורות גבוהות יותר, וישמור על קשר קרוב איתו וכדומה. אבל נניח שבמשך הזמן יתרפה העובד מעבודתו ולא יעשה את עבודתו עם אותה ההתמדה, וע"י זה יהיה להעסק ירידה ולא יצליח כל כך, האם בעל העסק יאהב אותו אז באותה מידה? בודאי שלא, שהרי כל אהבתו היתה מחמת עבודתו הנמרצה וההצלחה שהביא עמו, ואם זה חסר, אזי יש חסרון בהאהבה ובהמשך הזמן תתבטל לגמרי.

אמנם אם נתבונן על אהבת אב לבנו, הרי אף אחד לא יאמר שהסיבה שהאב אוהב את בנו הוא משום שהוא מכבדו או משום שהוא עוזר לו. אמנם ילד

**א.** תרגום ללשון הקודש: ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים - זהו חדש אלול, שבו עלה משה להר לבקש רחמים לפני הקדוש ברוך הוא שימחל לישראל על חטא העגל. ומשום זה, ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, משום שגלה את ערות הקדוש ברוך הוא וערות התורה, כמו שנאמר (ויקרא יח) ערות אביך וערות אמך לא תגלה. ועל זה אמר (תהלים קיט) פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך והיו ישראל רחוקים מהמלך כל הזמן ההוא, עד יום הכפורים שירד משה מההר.

ניצוצי אורה

## עבור עיקרת הבית תמיד פותחים את הדלת

כל זמן שאנו מתפללים על צרכינו, כתוב בתיקונים שהקליפות והמקטרגים סוגרים את השער ואינם מניחים לתפילה לעבור, אבל **כשמתפללים עבור השכינה, ואנחנו באים בהכרה אמיתית שאנחנו אברי השכינה, הרי זה בוקע את כל הגבולים והצמצומים, ואין לזה שער כלל שצריך לעבור בו, אלא היא בלתי גבול ובלתי ערך, שהרי השכינה היא בעצם חלק מעצמותו ית'**, רק שנשתלחה להתגולל עמנו בגלות להיות לנו לסעד ועזר. ואם כן בודאי כשמתפללים עבורה, התפילה מתקבלת, שהרי יתכן שאדם לא יפתח את הדלת כשאנשים זרים דופקים עליו, **אבל מי אינו פותח הדלת בשביל אשתו? 'וועלעכע מאן וויל נישט טון אלעס אין די וועלט ס'זאל זיין גוט פאר זיין פרוי'? ולכן כאשר באים באופן זה של 'אברין דשכינה', לעשות יחוד קוב"ה ושכינתיה, אז בודאי יפתח הקב"ה השער**, ואין שום מקטרג מעיז לסגור בעדה, וממילא בודאי גם יושפע לנו כל מה שצריכים לעבדו ית' בהרחבת הדעת.

**רעוא דרעוין נצבים תשפ"ב**

שעושה נחת רוח לאביו בוודאי מעורר יותר אהבה, אך לא על זה בנויה אהבת האב לבנו. אהבת האב לבנו היא חלק ממהותו, והיא נקראת "אהבה עצמית", אהבה פשוטה, משום שהוא אוהב אותו!

והנה כל אחד מבין שאהבת אב לבנו חזקה יותר מאהבתו של הבעה"ב לאותו עובד, ואף בעת שעובד אותו בנאמנות, אע"פ שאהבת הבעה"ב מובנת יותר ויש לכאורה סיבה חזקה לאהבה זו, עכ"ז אהבת אב לבנו, דווקא בגלל שאין לו סיבה, והוא למעלה מהבנתינו, דווקא משום כך הרי אהבה זו הרבה יותר חזקה, כי זה נובע מעמקי הלב!

ילד אינו צריך לעשות שום דבר מיוחד כדי שאביו יאהב אותו, ומה נאמר ומה נדבר בעת שהילד מתחיל לומר "אבא", אזי הלב של האב מתמלא אושר אמיתי! הילד אומר לו אבא! היכן יש בעולם יותר שמחה מאשר ילד שאומר "אבא". זה מעורר את הרגשות הפנימיים ביותר של אהבה, אשר אין שום תיבות שיכולות לתאר ולבטא אותה.

## בזמני ירידה מתגלה עומק האהבה

כן הוא כלפי אהבת הבורא אלינו, אהבתו אלינו - בניו האהובים - הוא אהבה עצמית, כאהבת אב לבן יקירו. **אהבתו אלינו אינו רק משום שאנו עושים מעשים שעל ידם אנו מעוררים הנאה עצומה למעלה** ומביעים לו נחת רוח, אלא גדולה הרבה יותר מזה, הרי היא אהבה עצמית שלמעלה מטעם ודעת. **השי"ת אוהב אותנו, משום שהוא אוהב אותנו!**

וממילא כאשר נתבונן בזה, אזי וודאי כאשר יהודי יושב ולומד בהתמדה או מתפלל בכוונה רבה עם חיות ושמחה, ועושה את רצון ה' בכל פרט ודקדוק, אכן עושה נחת רוח רבה למעלה ע"י עבודתו, עד שאין לנו כלי השגה להשיג ההנאה שהוא מעורר למעלה! כביכול, הקב"ה מתגאה ושמח בהנחת רוח הגדולה שעורר בן ישראל בעבודתו. אך... **בסופו של דבר, עשה אותו יהודי דבר המעורר את אהבתו הגדולה של ה' אליו**, וממילא עדיין אין ז מורה על אהבה הגדולה ביותר, שהרי כפי שאמרנו, אהבה כזו יכולה להיפסק, כי היא תלויה בעבודתו ליוצרו.

**אמנם האהבה הגדולה ביותר אלינו באה לידי גילוי דווקא כאשר האדם נמצא במצב של ירידה**, כאשר הוא אינו לומד בהתמדה הראויה, ראשו אינו מרוכז כדבעי והרגשתו בתפילה חסרה, ואז הוא חושב לעצמו: "מה אני עושה בכלל בעולם? מה אני עושה עבור הקב"ה? הרי אין סיבה אמיתית שהוא יאהב אותי במיוחד עכשיו"... **דוקא אז נגלית אהבת ה' האמיתית והטהורה לעם ישראל! כי התשובה היא: כן! הוא אוהב אותך כמו כל יהודי אחר! אהבתו אליך אינה מבוססת על "ביזנעס" - 'טוה מיר דאס, וועל איך דיר דך ליב האבן'**... תעשה מצווה על פי הדרך הטובה ביותר, ואני אוהב אותך... כמובן שעלינו לעשות את מצוותיו כי הוא ציווה אותנו, וזהו חובתנו! **אך האהבה היא פשוטה - הקב"ה אוהב אותנו כי הוא אוהב אותנו!**

וממילא כאשר האדם נמצא במצב ירוד ואינו מרגיש קירבת אלוקות, עליו להבין שדווקא עכשיו נתגלה תוקף אהבת ה' אליו, כי אהבתו אליו הוא בלי שום סיבה של עבודה והנאה שמגיע כביכול להבורא ממנו. וכאשר יהודי מכיר בזה, אסור לו לאבד את ההזדמנות גדולה הזאת, אלא עליו לפנות להקב"ה ולומר: "אבינו אב הרחמן, אני יודע שאהבתך אלי איננה מחמת שום סיבה, אלא מפני שאתה אבא שלי!" ואז בזה עצמו הרי הוא מעורר למעלה בשמים נחת רוח עצום שאין לשערו! זה מעורר כביכול את האהבה הפנימית והטהורה, שאיננה תלויה בשום תנאי או סיבה, אלא פשוט כאב ששומע את בנו קורא לו "אבא", שאין בעולם כולו דבר היכול לעורר אהבה אמיתית ועצמית כמו קריאת הילד "אבא"[ב].

## זמני ירידה - מתנת הבורא

ועם מה שנתבאר עתה מתורצת שאלה גדולה שרבים וטובים מתייגעים בה, שהרי כל אחד יודע שהקב"ה ברא את האדם למטרה חשובה מאוד, שיעבוד אותו ויעשה לו נחת רוח, ועל כן נפח בו נשמה קדושה, חלק אלוק ממעל, כדי שתהיה לו התקשרות עם הבורא יתברך גם בתוך עולם גשמי.

וממילא שואל אדם, אם כן, למה עשה השי"ת ככה שאדם ימצא את עצמו פעמים רבות במצב קשה וירוד, שהוא מרגיש 'אויסגעלאשן' ואין לו שום חשק לעבודה. מה שיש לו יצר הרע שמושכו לעבירה עוד אפשר להבין, שהרי צריך שתהיה בחירה ועבודה, ושכר ועונש, אבל איך ייתכן שיש זמנים שאינו מרגיש שום התרוממות בעבודת ה'? הלא היה מובן יותר שאם אדם באמת רוצה לעבוד את ה', ירגיש בזה טעם ושמחה, ולא ירגיש שזה עליו כמשא כבד! והרי הקב"ה מתענג מאוד מעבודתנו, ואינו רוצה שנתרחק ממנו!

אך לפי הנ"ל מבואר היטב, שגם ענין זה בא מתוך אהבה גדולה לישראל! **כי אילו היה לאדם תמיד זמנים של התרוממות וקרבה, לא היה לו אפשרות להכיר שהאהבה העצומה של ה' אינה תלויה בשום סיבה**... ומהי המעלה הגדולה לאהוב מישהו רק מפני שהוא ממלא את רצונך? כל אחד אוהב את מי שמשמש אותו בנאמנות!

לכן **מסבב הקב"ה בכוונה תחילה שיהיו גם זמנים חלשים, שבהם האדם מרגיש כמתרחק מהקב"ה, כדי שיוכל להכיר את האהבה האמיתית והטהורה 'שאינה תלויה בדבר'**. שידע ויבין שגם כאשר אינו מרומם, ואדרבה - נראה מלוכלך בבוץ, ואינו נמשך כלל להתקרב אל ה', גם שם רוצה הקב"ה בקרבתו, וממתין לשמוע אותו קורא: "טאטע! איך וויל זיין נאנט צו דיר!".

רק באופן כזה מתגלה באמת אהבתו העצומה של הקב"ה לישראל, שאוהב הוא כל יהודי 'כרחם אב על בנים'. ואף כאשר הילד מלוכלך, ועל פניו אינו רואה שום סיבה שיקרב אותו בוראו, אומר לו הקב"ה "אה, בני יקירי! אתה ילד שעשועים שלי! אני אוהב אותך אפילו במצב כזה, מפני שאהבתי אליך אינו תלוי בשום סיבה והוא למעלה מטעם ודעת!"

נמצא, שזהו בעצם **חסד גדול כאשר אנו מאבדים לפעמים את הטעם בעבודת ה'**, ומרגישים 'ווי מיר קריכן אויף גראדע ווענט' כדי רק לדבר אל ה' ולעבוד אותו. כי דווקא על ידי זה נתגלה לנו אהבתו הגדולה אלינו באמת, שבשום פנים לא ניתק הקשר, כי אף שאנו 'זעהן מיר אויס ווי מיר זעהן אויס', מכל מקום אנו נשארים קשורים אל אבינו שבשמים, שאוהב אותנו גם במצב כזה, מפני שהוא אבינו!

## עבודתינו בימים אלו - להפוך החולשה לקירבה ודביקות

ולפי"ז מבואר את מה שפתחנו, שמ' ימים אלו המה דוקא נגד הני מ' ימים שלאחר חטא העגל שהיו בני ישראל נמצאים אז במצב ירוד מאד ורחוקים מהשי"ת כלשון הזהר, והוא כי היות וימים אלו מיוסדים על חיזוק הקשר של אהבת ה' אלינו כאהבת אב לבן אזי דייקא ימים אלו שבהם נמצאו בני ישראל במצב ירוד מאד שמ' ימים לאחר ההתגלות אלוקות במעמד קבלת התורה על הר סיני רקדו לעגל ואמרו 'אלה אלהיך ישראל', ואי אפשר לתאר הרגשת הריחוק שהיה להם אז, וממילא דייקא אז נתגלה גודל אהבת השי"ת אליהם כאב לבן שזהו עבודתינו בימים אלו. וממילא דייקא ימים אלו מתאימים ביותר לכל אחד מאתנו להתבונן בגדלות אהבתו ית' אליו, ודווקא התבוננות זו תעורר אותו לעבוד את בוראו ולעשות הכל להתקרב אליו, וזהו ע"י שיעשה רצונו וישוב אליו בתשובה שלימה.

וזהו יסוד היסודות, ורק מצד זה אפשר לנו להגיע לאיזה מדריגה בעבודת ה', ע"י שאנו יודעים ומבררים אצלינו שהקב"ה אוהב אותנו בכל מצב ומצב, 'און נאר דורך דעם קען מען ארויסקריכן פון די שוואכע זמנים', ולהוציא היקר מזולל ולזכות להתקרב אליו ית' באמת, ולעשות הכנה נכונה לקראת הימים הבעל"ט.

**ב.** והיה רבינו זי"ע רגיל להוסיף שבוודאי אין כוונת הדברים לומר ח"ו שיהודי אינו צריך ללמוד תורה ולקיים מצוות ורק לקרוא "טאטע" וזהו... אדרבה! הדרך היותר נעלית לקרוא להקב"ה "טאטע" היא דווקא על ידי התורה, כמו שכתב בתניא (פרק ל"ז) "התורה נקראת בלשון קריאה, 'קורא בתורה'. פירוש שעל ידי עסק התורה קורא להקב"ה לבוא אליו, כביכול כאדם הקורא לחברו שיבוא אליו, וכבן קטן הקורא לאביו שיבוא אליו להיות עמו יחד בצוותא חדא, ולא ליפרד ממנו ולהישאר יחידי ח"ו"

# ראש השנה - צמאון הבורא לעבודתנו והשתוקקותנו לאבינו שבשמים

**פרנס המאמר**
ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו להפצת
תורתו ומשנתו של רבינו זצ"ל
**הר"ר איסר ראטה הי"ו**

## ביאור ענין קריאת ראש השנה בשם 'חק'

דוד המלך ע"ה בתהלים (פא, ה) קורא את יום ראש השנה בלשון 'חק', וכלשון חכמינו ז"ל (ר"ה ח.) 'מראשית השנה נידון מה יהא בסופה, ממאי דתשרי הוא דכתיב (תהלים פא, ד) תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו, איזהו חג שהחודש מתכסה בו הוי אומר זה ראש השנה' וכתיב (שם, ה) **כי חק לישראל הוא** משפט לאלהי יעקב'.

ולכאורה יש להבין טעם הדבר שנקרא יום זה שאנו ממליכים על עצמינו את הבורא יתברך שמו בשם 'חק', שפירושו גזירה שאין לנו בה שום טעם והבנה, והוא למעלה מהשגתינו. והנה יש להתיבה 'חק' עוד שני פירושים, לישנא דמזוני (ביצה טז.), וגם לישנא ד'חקיקה'. ונבארם זה אחר זה, מה שייכותם לעבודת היום הגדול לאדונינו, והשייכות שיש בין הני ג' פירושים ומובנים.

## חק במובן גזירה - רצון העליון שימליכו אותו בני ישראל הוא למעלה מטעם ודעת

הנה בספה"ק (עי' בפירוש הגר"א למשלי כז, כז) מבואר החילוק בין מושל ומלך, שמושל הוא מי שיש לו ממשלה בכפיה ובלי רצון ודעת העם, ומלך הוא מי שנבחר ע"י העם להיות עליהם מלך. והיות שרצון הבורא ב"ה הוא להיות עלינו ל'מלך', הרי שזהו תפקידנו בהאי עלמא - ובפרט ביום ראש השנה, לקבל עלינו את מלכותו יתו', ולגלות ע"י עבודתינו ועשיית רצונו יתו' אשר 'מלכותו בכל משלה', שאם לא כן אין הוא מלך, ככלל הידוע 'אין מלך בלא עם' (פרקי דר"א פ"ג).

וזה לשונו הטהור של רבינו הרמב"ן (שמות יג, טז): 'אין א-ל עליון חפץ בתחתונים, מלבד שידע האדם ויודה לאלהיו שבראו. וכוונת רוממות הקול בתפלות וכוונת בתי הכנסיות וזכות תפלת הרבים, זהו שיהיה לבני אדם מקום יתקבצו ויודו לא-ל שבראם והמציאם, ויפרסמו זה ויאמרו לפניו בריותיך אנחנו'.

ולכאורה יש להבין, לאיזה סיבה רוצה הקב"ה שאנחנו בני תמותה שוכני מטה נמליכהו עלינו ועל כל העולם, הלוא הוא המושל והאדון של הכל, והוא היה קודם שנברא העולם ואחר שנברא העולם ואין מבלעדיו כלום, וממילא מה שייך לומר שהוא רוצה שאנו נמליכהו, ובלי רצון שלנו אין הוא מלך, הלוא הוא יתו' בורא הכל בכל רגע ורגע, והכל שלו, ולו לבדו המלוכה.

ובאמת ענין זה אין לו ביאור והוא טמיר ונעלם, והיינו **שענין זה עצמו שהבורא יתו' בחר בנו, ומלכותו אינה מתקיימת בשלמות אם אנחנו לא נמליך אותו ונעבדהו**, והוא נקרא מלך רק כשאנו ממליכים אותו ומקבלים אותו עלינו ועובדים אותו ועושים רצונו, **זה עצמו הוא 'חק' בלי טעם, ולמעלה מכל השגה וטעם ודעת.** וכפי שהארכנו כמה פעמים בביאור הענין שאמר בקדשו מרן הרה"ק בעל התניא זי"ע, על מה שנאמר במדרש (תנחומא נשא טז) 'נתאווה הקב"ה שיהיה לו דירה בתחתונים', שטעם הדבר שנקטו חז"ל במטבע הלשון 'נתאווה הקב"ה', הוא משום שעל 'תאווה' אין שייך לשאול שאלות, וממילא זה פירושו של 'חק', שכל ענין המלכתו עלינו הוא חק, בלי טעם והבנה אמאי הוא נצרך כביכול אלינו כלל[א].

## חק במובן מזון - רצונו יתו' בנו ובעבודתינו נותן לנו כח ועוז לעבדו ביתר שאת

ונמשיך הלאה בזה, דהנה זה עצמו שהקב"ה חפץ בנו ורצה שנעבדהו, וכדברי חז"ל 'ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים' (זוה"ק ח"ג ז:), ושכל סיבת בריאת העולם היה מטעם שעלה לפניו התענוג שיהיה לו מעבודת בני ישראל, **'און דער אויבערשטער חלש'ט און גייט אויס פאר אונזער עבודה'** ומשתעשע בנו ובעבודתינו, **זהו ה'מזון' לנפש הישראלי, וזה נותן לו עוז ותעצומות לעבדו ביתר שאת ובלב שלם, ביודעו שהוא מעורר שעשועים גדולים ונפלאים למעלה** ושהוא מעורר למעלה נחת רוח אצל הבורא ב"ה בעבודתו שאין לו שום השגה בה, וכביכול הקב"ה אינו מסתדר בלעדיו. 'ווּעלכע איד לעבט נישט אויף ראש השנה ווען ער דערהערט אז דער אייבערשטער דארף אים האבן און גיבט זיך נישט זיך קיין עצה אן איהם', וזה אינו ענין רק על כללות ישראל, **רק זה נוגע לכל אחד ואחד, שהקב"ה רוצה ומצפה ומשתוקק לעבודתו הפרטית, ובלי עבודתו יש לו חסרון כביכול.**

וזהו העומק במה שאמרו עזרא ונחמיה (נחמיה ח, י) לבני ישראל בראש השנה 'כי חדות ה' היא מעוזכם', ופירשו המפרשים דקאי על שמחת החג משום 'ושמחת בחגך', והנה יש לשאול אם כן מדוע באמת לא אמרו 'ושמחת בחגך' כמו בחגים אחרים, אמנם לפי מה שנתבאר מובן, דכיון דעיצומו של חג זה הוא הכתרת ה' למלך עלינו, א"כ השמחה העיקרית ביום זה היא בזה שה' הוא מלכנו ורוצה בנו וכביכול צריך שאנחנו נמליכו אותו, ועצם הידיעה הזאת שהקב"ה ממתין לנו ומשתעשע בנו ומצפה ומשתוקק לעבודתינו זהו גופא העוז שלנו שנותן לנו כח ועוז לעמוד איתן מול כל הני נסיונות ופיתויי היצר, ביודעינו שהקב"ה רוצה אותנו ומצפה לעבודתינו, וזהו עומק הענין שאמרו דוקא על יום ראש השנה **'חדות ה' היא מעוזכם', דהיינו מה שיש להקב"ה חדוה ושמחה מזה שאנו עובדים אותו וממליכים אותו, זהו גופא 'מעוזכם' נותן לכם עוז ותעצומות לעמוד איתן בעבודתו.**

## עבודת חק כ'חקיקה' - מעלת ההשתוקקות

ועוד יש לבאר במה שאמרו עזרה ונחמיה כן לבני ישראל דווקא אז, בהקדם מה שכבר ביארנו באריכות בכמה מקומות[ב] שעיקר עבודתינו בזה העולם הוא להשתוקק כלפי מעלה ולהיות מלא צמאון להתדבק אל מקור שורשינו למעלה ולהתאחד עם אבינו שבשמים, כי כל עבודתינו בזה העולם הוא להידבק ולשוב אל מקור שורשינו ולשוב ולהתאחד כבראשונה קודם שירדנו להאי עלמא [וזהו סיבת כל התורה ומצות ואכהמ"ל], וזה שייך רק ע"י השתוקקות וכיסופים.

וכל עיקר סיבת בריאת העולם היה רק כדי שישתוקקו בנ"י אל בוראם, וזה היה חפצו בבריאת כל העולמות, וכלשונו הטהור של מרן הרמח"ל (גנזי רמח"ל, פירוש הזוהר לפרשת משפטים): **'גודל האהבה והתשוקה בין קב"ה וכנסת ישראל, שכל תשוקת הקב"ה לישראל, וכל תשוקת ישראל להקב"ה, ועל דבר זה נברא כל הבריאה, כי זה האושר השלם להדבק האדון יתברך שמו בבניו ואין מפריד**, אלא ישראל נותנים כל עצמם להקב"ה, וקב"ה מגלה גודל אורותיו ועוצם תפארת קדושתו להם, והוא סוד 'אז תתענג על ה''.

וכבר מילתנו אמורה שדווקא משום הכי נברא העולם ע"ד צמצום והסתר, שכבודו ויחודו יתו' מוסתר מעין הגשמי ואינו ניכר בראיה שטחית, כי דווקא על ידי זה נתעורר התשוקה והכיסופין של בני ישראל אליו, כי השתוקקות ותשוקה שייך רק אל דבר שחסר לאדם ואינו מצוי בהישג ידו, כי כל זמן שהדבר מונח בידו ומצוי אצלו בשלימות -




---

**א.** דברי הרב זי"ע הובאו בספר 'אור התורה' (פרשת בלק) לנכדו בעל 'צמח צדק' זי"ע, וזה לשונו: **'והנה למה 'נתאווה' זה אין ידוע, אם כך עלה ברצונו.** ושמעתי שכשאדמו"ר [בעל התניא] נשמתו עדן אמר בדרושים הישנים בלאזניא, **'נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים', ומאחר שנתאווה, הנה על תאווה אין שואלים קושיא'.** ע"כ. ומרן אדמו"ר הרש"ב זי"ע (המשך יו"ט של ר"ה תרס"ו, ליל ב' דר"ה) אמר זאת בהאי לישנא: **'שזהו מצד התשוקה לבד, לא מצד ההכרח חס ושלום בשביל השלימות, ואין אנו יודעים טעם שכלי מפני מה נשתוקק וכו', שאין זה מצד איזה הכרח וטעם שכלי כי אם מפני שנתאווה כך, שהוא למעלה מטעם ודעת.** וכמו שאמר רבינו ז"ל על זה: **'אויף א תאווה איז קיין קשיא', רק שנתאווה שיהיה מציאות תחתונים** ויומשך בחינת עצמות אור אין סוף למטה וכו'.

**וביאור** הענין בקוצר אמרים, שכשם שלא ניתן לשאול אדם מה מושך אותו להתאוות ולרצות דבר מסוים, לפי שמשיכת הלב משתנה אצל בני האדם, שדבר שרצוי ואהוב לאחד, יש אחר שאדרבה אצלו הדבר מאוס ומרוחק, ואין איש יכול להסביר בלשונו את עומק הסיבה שהוא מתאווה לדבר זה ולא לדבר אחר, כמו כן כביכול לא ניתן לשאול מה היה חסר להשי"ת במרומיו וכלום חסר דבר אצל המלך ש'נתאווה' לברוא את עולמו, וכל המושג 'אנא אמלוך' – שהקב"ה ביקש למלוך בעולם, הוא דבר הרחוק מהשגתנו.

**ב.** עיין מאמר 'ולבי ער' שבספר 'עבדא דמלכא' על תפילה ח"ב, וע"ע בקובץ 'שפה ברורה לימי הקיץ פר' ראה, ועוד רבות לאורך תורתו ומשנתו של רבינו.

שוב אין לו עליו תשוקה, אלא מנוחה ושלוה. אבל כאשר הדבר נעלם ונסתר ממנו, והלב מכיר בחסרונו, אזי מתעורר בנפש חום ותבערה של רצון וכיסופין להתאחד עם אותו דבר ולמלאות חסרון לבו.

וממילא אילו היה נהיר וגלוי לכל אדם גילוי יחודו יתברך בלי שום העלם, הרי היו כל הברואים רואים בעין בשר 'כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו' (דברים ד, לה), ובזה לא היה מקום עוד לרצוא ושוב, להשתוקקות וצמאון, כיון שהכל מאיר ונגלה, והאדם היה חי באור בלי גבול, ולא היה שייך צמאון וכיסופין.

ומשום כך עלה ברצונו יתברך שהאור האלוקי יסתתר בצמצומים רבים, עד שנראה העולם כמציאות בפני עצמה, כי זה גופא מעורר בלב איש ישראל הצמאון וההשתוקקות, דכיון שאינו רואה בגלוי את אחדותו ית', אזי הלב משתוקק לחפש ולבקש, להתרפק ולצעוק 'צמאה נפשי לאלקים לאל חי' (תהלים מב, ג).

## השתלשלות הדברים בימי עזרא

והנה בספר 'דברי הימים' וספר 'נחמיה' מסופר באריכות על הנעשה אז באותו ראש השנה שאמרו עזרא ונחמיה לבני ישראל 'חדות ה' היא מעוזכם', שהיה אז קץ שבעים שנה לגלות בבל, כשהתיר כורש השני לבנות את בית ה', ועזרא הסופר שהיה ראשם של ישראל בגולה, סבב והלך בכל קהילות בבל, ורק מתי מעט הסכימו לעלות עמו לארץ ישראל. ובספרי הנביאים מסופר, שמצבם הרוחני של שבי ציון היה קשה מאד ברוחניות וגשמיות כאחת, והרבה מהם היו נשואים לנשים נכריות וחללו שבתות בפרהסיה, וחיו בלחץ זה הדחק, ובהפרעות תמידיות מהשומרונים. ואז, בראש השנה הראשון לבואו לירושלים, אסף עזרא את העם אל הרחוב אשר לפני שער המים, ויקרא לפניהם מספר תורת משה והוכיחם על מעשיהם. ומתואר בספר נחמיה שם (פרק ח), שדבריו גרמו להם הרהורי תשובה וגעו כולם בבכיה, עד שעזרא הסופר הוצרך להזכירם אשר חג ה' לנו, ואסור להצטער ביום הקדוש לאדונינו, ואז אמר להם הפסוק הנ"ל 'כי חדות ה' הוא מעוזכם'.

ועפ"י הקדמות אלו יש לבאר, שכאמור נמצאו בני ישראל אז בשפל המצב ולא היה להם במה לבוא אל המלך - מלך מלכי המלכים, כי לא היה להם לא תורה ולא מצות, אבל דבר אחד היה להם אחר שהוכיחם עזרא, והוא ההשתוקקות והצמאון להתחבר אל השי"ת ולשוב אליו כבראשונה, ולא בלבד שהיה להם זה במקום תורה ומצות, אלא דווקא מפני שלא היה להם תורה ומצות לעשותם כלים לצמאונם, הרי שהיה להם בזה השתוקקות וכיסופים יותר ממה שהיה להם אילו היו בידם תורה ומצות [כי אז לא היו מרגישים כ"כ רחוק מבוראם, וככל שהדבר מצוי וקרוב יותר נתמעט התשוקה כאמור]. וזה העומק במה שאמר להם אז כי 'חדות ה' הוא מעוזכם' שלא יפלו לתוך עצבון וכאב על שאין בידם כלום במה לבוא אל המלך, **כי התשוקה, הכיסופין והצמאון לה' זה עצמם הוא מעוזם, כי זהו חדות ה' ושעשועיו באופן שאין למעלה ממנו.**

## חק במובן חקיקה - השתוקקות החקוקה בנפש

והנה בן ישראל מכח היותו חלק אלוקי ממעל ושורשו מתחת כסא הכבוד, הרי שחקוק בעצמיותו ופנימיותו השתוקקות וכיסופים למעלה, אלא שהחיצוניות והחומר מכסה בעדו מלחוש את השתוקקות נפשו אל מקור שורשו הנעלה, אבל ברגע שהאדם 'כאפט וואס דא גייט פאר', והוא עומד הכן לקבל עליו את עול מלכותו ית', אזי מאליו נופלים מעליו כל ההסתרים והמונעים, והוא מתדבק אל מה ש'חקוק' בעומק נפשו, והוא הצמאון והכיסופין אל בוראו, וממילא נפשו הומה וכוספת אל בוראה עד שאי אפשר לו לחשוב על שום דבר אחר, וכל מעייניו פונים רק להתדבק למעלה, שהרי ענין זה 'חקוק' בעצם עצמיותו. וזה הוא **עבודת 'כי חק לישראל' ביום זה, לגלות את חקיקתינו ולהוציאה מכח אל הפועל - להשתוקק ולכסוף ולהתדבק ולהתאחד עם בוראינו יוצרינו אבינו שבשמים.**

## עומק מצות תקיעת שופר

וזהו עומק מצות תקיעת שופר, דהנה ידוע מה שמובא בספה"ק דכל ענין תקיעת שופר הוא בחינת צעקה בלב, וכפי שכתב הרב בעל התניא בספרו ליקוטי תורה (פרשת נצבים אות ד ד"ה הללויה הללו אל בקדשו בא"ד) וז"ל: 'וכל זה הללוהו להמשיך בתקיעת שופר שהוא בחינת תשובה עילאה, **בחינת פנימיות נקודת הלב** קול פשוט תקיעה כו', **בלא התחלקות אותיות להיות בחינת דיבור**'.

והנה צעקת הלב אינו כמו צעקה הפשוטה שהיא בקול גדול, אלא להיפך, זו היא צעקה פנימית מעומק הלב עד לא יכיל למרחש בשפוותיה, על דרך 'ממעמקים קראתיך ה' ' (תהלים קל, ב) שאין שומעים כלל קול הצעקה, אלא היא צעקה מעומק הלב, וכפי שביאר זאת הרמ"ק זי"ע בספרו 'אור יקר' (שער א' סימן טו): 'והנה שועה זו היא בתפילה, ירצה שמדבר האדם בפיו, ולכך אינה במעלה כל כך מפני שעדיין הוא במקום שיש בו דיבור, אמנם **צעקה היא במעלה גדולה שהיא במקום שיש קול בלא דיבור**'. ומבואר מדבריו שצעקה בלב הוא במעלה גדולה מצעקת הפה.

והביאור בזה הוא, כי הנה דיבור האדם אינו אלא לבוש חיצון לנפש, להביע לאחרים את רצונותיו ומחשבותיו וכדומה, וכל מה שהאדם מצליח להוציא בשפתיו, הרי הוא דבר שכבר נתלבש בשכלו ובהבנתו, וממילא ניתן להיאמר במילים. אך יש ענינים בנפש שהם למעלה מן הדיבור, כמו רגש עז מאוד, תשוקה רבה עד אין קץ, או צמאון גדול שאין השכל והדיבור יכולים להכילם. ולפיכך נרגשים הם בעומק הלב בלבד, ואינם מתגלים בפה. כי טבע הדיבור, להגביל ולצמצם, ואילו פנימיות הנפש אין לה גבול ואין לה שיעור.

**ותקיעת השופר מורה על עומק פנימיות לבנו, אשר הוא שואף ומשתוקק אל יוצרינו ובוראינו אבינו שבשמים, וצועק צעקה פנימית ועמוקה אשר היא בלתי גבול וא"א להביעה במילים, רק ע"ד 'צעקת הלב'.**

וזהו **'עלה אלקים בתרועה'** (תהלים מז, ו), שאין מדובר כאן רק בתקיעות של הבעל תוקע, אלא **בתרועה שכל אחד תוקע מתוך לבו את הרצון הפנימי שלו, והקב"ה מסתכל לתוך פנימיות לבם של בני ישראל ורואה בכל אחד את ה'תקיעה' שלו**, שהוא תשוקתו האמיתית הטמונה בפנימיות נשמתו, ורק הוא יתברך יכול לראותו, ובזה הוא כביכול מתעלה בבחינת 'עלה אלוקים בתרועה', ויושב על כסא רחמים וממתיק את דינם של ישראל לטובה.

ויותר מזה, בעת שאנו תוקעים התקיעות בראש השנה עולה לפניו ית' לא לבד צעקת לבנו בעת הזאת, אלא **צעקותינו של כל ימות השנה שאנו צועקים מתוך פנימיות לבנו את רצוננו האמיתי**, שאנו רוצים לעבוד את ה' יתברך באמת ולעשות יחוד קוב"ה ושכינתיה, ורק השאור שבעיסה והחומר העכור הם המעכבים, ועל ידי השופר מתגלה הפנימיות, **וכל הרצונות שלא זכינו להוציאם לפועל במשך כל השנה עולים למעלה** ועושים רושם.

וזהו עומק ענין מה שכתוב על שעת הגאולה (ישעיה כז, יג) 'והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול', ולכאורה יש להבין לאיזה סיבה צריך הקדוש ברוך הוא דוקא שופר גדול, אלא הענין הוא, **שבמשך כל שנות גלותינו מקבץ הקב"ה מתוך כל הבתי כנסיות ובתי מדרשות בכל תפוצות ישראל, את הני תשוקות וגעגועים היוצאים מקול השופר מדי שנה בראש השנה, אשר בהם מונח צעקתם הפנימית של בני ישראל לעשות רצונו ית' מתוך צמאון עז, וצירוף זה של כל ההשתוקקות של כל אחד ואחד מישראל הוא אשר יעורר את גאולתנו ואת פדות נפשנו**, וזה יהיה השופר 'הגדול' על שם שנכללו בה כל השופרות, המה הרצונות והגעגועים והצעקות והתשוקות שלנו, ורק על ידם יזכו לביאת משיח ול'לעכטיגע זמנים מיטן טאטן אינאיינעם' בקרוב.

## שאלת 'אַיֶּכָּה' בראש השנה

בכל שנה ושנה מתעורר שוב כל סדר ההשתלשלות, וכמו שבכל יום טוב מתעורר בכל שנה ושנה אותה ההארה שהיה אז כשהיה הנס וכיו"ב, **כן בכל ראש השנה הקב"ה מחדש שוב את כל העולם כולו, ומחזיר את האדם לגן עדן כמו שהיה אז, והבחירה ניתנת ביד האדם אם להשאר בגן עדן ולחיות בתענוג אלוקי, או לצאת משם שוב לתענוגי שוא** של עולם הזה.

וזהו ה'יום הדין' של ראש השנה, **שהקב"ה שואל מכל אחד מאתנו את שאלת 'אַיֶּכָּה'**, כמו ששאל את אדם הראשון אחר חטא עץ הדעת, ככתוב (בראשית ג, ט) 'ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה'. ומה שאנו צריכים לענות על זה הוא, שאכן במשך השנה עשיתי מה שעשיתי, וגירשתי את עצמי מהגן עדן שלך, אבל **עכשיו שאתה מחדש את הבריאה כולה ואתה מחזיר אותי לגן עדן, אני מוכן ורוצה להשאר כאן ולא לחטוא עוד.**

ליל ב' דראש השנה תשפ"ד


גליון הבא יופיע אי"ה לקראת חג הסוכות

קורא יקר: הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך
718-400-7750 #3 office@mechonsb.com

זכות הפצת הגליון
הרה"ג ר' שלום מאסקאוויטש שליט"א - חדב"ן רבינו זצ"ל

מזל טוב לידידינו
הר"ר שמחה איינהארן הי"ו
- מחשובי שותפי המכון -
לרגל הולדת הבת

מזל טוב
להבה"ח צבי גאלדמאן נ"י
- מחשובי שותפי המכון -
לרגל אירוסיו בשעטו"מ בשעה טובה ומצלחת

ניתן להשיג הגליון היו"ל ע"י המכון:

בארא פארק
בבית מדשינו הגדול קאסוב
שומר שבת / טאהש

וויליאמסבורג
בית מנחם צבי - לאקער #6
בנין בראך לאקער #216

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר 1 - לאקער #5
ביהמ"ד הגדול וויזניץ - לאקער #183

ירושלים
בביהמ"ד סקווירא
גני גאולה - ביהמ"ד נחלת עקיבא
לסדר מוקד בארה"ק יש לצלצל 053-310-5675

מאנטריאל
בביהמ"ד סאטמאר פארק - לאקער #23

בעזרת ה' במהלך השבועות הקרובים יתווספו מוקדים נוספים בכל העיירות

לסדר מוקד הפצה בביהמ"ד או שכונה שלך יש לפנות להמערכת במס'
718-400-7750 x2
או באימייל office@mechonsb.com

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
מכון שפ"ה ברורה
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע רופט אדער שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com